STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03510

ONVUKS

Yosef Papyernikov

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פאפּיערניקאָוו

אָנוווּקס

לידער

פארלאג „א״גנס״ תל־אביב 1938

Printed in Palestine
All rights reserved

דפוס א. מוזס, רח׳ שינקין 11, ת״א.

אריינפיר

נישט צום ערשטן און נישט צום לעצטן מאָל — קום איך איצט מיט מיינע יחידישע לידער, נישט אינדערצייט...

איך האב, וואס אַן אמת, אויפֿן אָרט פון די דאזיקע לידער פון שטימונג און פערזענלעכער איבערלעבונג — געקענט ארויסגעבן צייטלעכערס און אקטועלערס, ווי צ. ב.: מיינע סאָציאלע און פּאָ־לעטסטינער מאָטיוון, נאר ווי שווער ס'איז טאטע־מאַמע אָפּצוזאגן זיך פון זייערע לייבלעכע קינדער, אפילו פון די נישט־געראָטענע — אזוי איז שווער דעם קינסטלער אָפּצוזאגן זיך פון זיינע פערזענלעכע שאפונגען, פון וועלכע ער גייט נישט־ווילנדיק אַמאָל אוועק, פאר־כאַפּט אין פארשלונגען פון צייט־שטראָמען, וואס טראָגן אים און ברענגען אים נישט איינמאָל א צעטראָגענעם און א צעשויבערטן — צוריק צו דער אייגענער שוועל, אויף אָפּרו...

נאך אַן אמת: נישטא קיין איין מענטש, אויך צווישן קינסטלער, שרייבער, פּאָליטיקער און קעמפער — וואס זאל דינענדיק וועלכער ס'איז אידייע פון כלל — זיך קענען אָפּזאגן פון זיין פערזענלעך לעבן, וואס איז אים נישט ווייניקער טייער, ווי דאס לעבן פון מיליאנען פאר וועלכע מען קעמפט באוווסטזיניק אדער, אומבאוווסטזיניק, כדי אין זייער דערלייזונג — דערליזן זיך אליין — דעם יחיד.

כהאב דאסמאָל בכוון נישט אָנגעגעבן אונטער די לידער

דאַטעס, נישט געגעבן זיי כראָנאָלאָגיש, נאר איינגעטיילט זיי לויט ווי זיי בינדן זיך מיטן אינהאַלט. כ'האב עס געטון כדי איינמאָל אונטערצושטרייכן די נישט־נויטיקייט פון פאַרענטפערן זיך פאר דער אַלטקייט פון א טעמאַטיק, וואס איז אייביק, ווי דאס לעבן, וואס בייט נישט דעם אינהאלט נאר די פאָרעם און גיט באַרעכטיקונג דאס געשאַפענע ווערק, וואס איז אמת מענטשלעך און אמת קינסטלעריש.

מיט דער דאזיקער צווייטער זאמלונג לירישע לידער פון פערזענלעכן אינהאלט, וועל איך האבן נישט נאר לייכטער געמאכט די לאַסט פון מיין דיכטערישן אָנקלויב, נאר אנגעהויבן אפשליסן א תקופה אין מיין שאַפן, ווי אין מיין לעבן. איך זאג: אָנגעהויבן, ווייל זיי זענען ווי מיינע לידער פון דער זאמלונג „די 24־סטע שעה" נאר א טייל פון דער גרויסער צאָל אינדיווידועלע לידער, וואס ווארטן שוין באַ מיר יאָרן לאנג, מען זאָל זיי צענויפנעמען פון די ליטעראַרישע צייט־שריפטן און זשורנאַלן און געבן זיי א תיקון אין בוך־פאָרעם.

דער מחבר

ל י ב ש א פ ט

דו און איך

דו — אַ גאָלדן פעלד מיט זאַנגען,
נאָך אַ רעגן, אין אַ רעגן־בויגן,
פריש, אין פולער רייפקייט אויפגעגאַנגען,
לייכט, פון מינדסטן ווינטעלע באַוויגן.

איך — אין פעלד אַ זינגענדיקער שניטער,
פול מיט ליכט און ברען פון זוניק פייער,
מיט דער קאָסעס בליץ און מיטן ציטער
פון אַ האַרץ אַן אָפּנס ווי אַ שייער.

***

איך וואָלט מיט פאַרבונדענע אויגן געטראָפן צו דיר —
אַזוי איז דער וועג מיר שוין באַקאַנט און וואַרעם באַקאַנט;
איך בין אַ פאַרליבטער נישט איינמאָל געגאַנגען אויף אים,
ווי ס'גייט אַ לונאַטיקער ווען, ווי געפירט פאַר דער האַנט.

ווען כ'וואָלט נישט דערזען דיך — דערקענט וואָלט איך דיך אָן דיין שטים,
ווען כ'וואָלט נישט געהערט דיך, דאַן וואָלט איך דיך זיכער דערפילט,
ביסט די, וועמען איך האָב געשטאַלטיקט אין חלום בײַ מיר
און האָב ביז צו נאַקעטער וואָר, דיך איינגאַנצן אַנטהילט.

דו

ווען כ׳עפן באַגינען די אויגן, ווי לאָדן פון פענסטער,
איז ס׳ערשטע ליכט, וואס פאַלט אין זיי אריין —
דיין ליכט.

ווען דער שלאָף איז נאך פון מיינע וויעס נישט אַראָפּגעפאלן —
ביזטו וואך שוין, וואך אין מיר.

מיין ערשטער געדאנק, וואס לויפט־אָן מיטן טאָג,
ווי א הירש קעגן זוניקן אויפגאנג —
ביסט דו.

מיין זיסע מידיקייט פאַר שלאָפן־גיין —
ביסט דו.

דאס לעצטע וואָרט, וואס פאַלט פון מיינע ליפּן,
ווי א פרוכט אין סאָד אין נאכט אין שפּעטער,
איז: דיין נאמען.

זעץ דיך איין

דאָס שיפל — אפּגעבונדן — גרייט!
קום, זעץ דיך אַיין,
און איך — נאָך דיר,
צוויי רודערס — מיר,
צוויי רודערס — דיר,
צוזאַמען וועט אונז גרינגער זיין,
ווי גרינג און לייכט עס פאַלן רייד,
ווען ס'איז אַן אויער דאָ, וואָס הערט,
א האַרץ, וואָס פילט,
אַן אויג, וואָס טרערט,
א מויל, וואָס טרייסט דיך שטומערהייט
און פליסטערט: מיין — — — —
קום, זעץ דיך אַיין,
צוזאַמען וועט אונז גרינגער זיין...

דיין הויז

דיין הויז ווי דו וווינסט, איז א ליכטיקע שיף
אויפן פינסטערן ים פון מיין אומעט־לאַנד...

כ׳ווייס נישט, צו וואָס פאַר א ברעג זי וועט צו
און צו וואָס פאַר אַ האַפן — פאַראַנקערן...

ס׳הויז ווו דו וווינסט, איז א ליכטיקע שיף;
נעם מיך אויף, נעם מיך אויף,
לאָז מיך דינען אין איר!
לאָז מיך טראָגן די לאַסט,
לאָז מיך זיין דיין מאַטראָס,
לאָז מיך הייצן און היטן דאס פייער אין איר...

כ׳האָב פאַר כוואַליעס קיין שרעק,
כ׳בין צו שטורעמס געוווינט,
וועט זי טרענקען —
פאַרלאָז איך דער לעצטער די שיף...

גליק

מיר האבן ס׳גליק: —
צו זיין געשטראָפטע מיט גן־עדן־ליבע
און זיך אומצוטראָגן מיט גהינם־פּיין,
פון טרינקען ביז צו ביטערניש, פון בלוט
דעם שקיעה־וויין...

מיר האבן ס׳גליק:
ווי ביכטערע נאָך שיכורן צוזאַמען־זיין —
צו ליידן
פונ׳ם פרידלעכן פאַנאנדערגיין זיך
און פון טרויער — נישט צו קאָנען זיך צעשיידן.

אויפגעוועקט

האָסט אויפגעוועקט אין מיר די יוגנט פֿון דאָסניי,
און ווידער האָב איך ליב און בין פֿאַרליבט — אין דיר,
און כ׳האָב אויפסניי דערפֿילט דעם רייץ פֿון חודש מאַי,
כאָטש ס׳פּייפֿן האַרבסטיק־קאַלט די ווינטן הינטער מיר.

האָסט אויפגעוועקט אין מיר אַזאַ פֿאַרשטומט געזאַנג,
אַ ליד אַזאַ, וואָס כ׳האָב שוין ווי פֿאַרגעסן באַלד,
איצט וויגט עס זיך אין מיר מיט טויזנט גלעקער־קלאַנג
און הילכט, ווי ס׳וואָלטן האַרנס, וועלדער דורכגעשאַלט.

האָסט אויפגעוועקט אין מיר, וואָס האָט שוין ווי פֿאַרבליט,
און ס׳איז געשען ביי מיר אַ וואונדער ווי אַ נס:
אין ווינטער, אײנ׳ם פּראָסטיקן אויף מיין פֿאַרשנייט געמיט, —
צעבליט האָט זיך אַ בלויער און פֿיאָלעטער בעז...

מיט דיר

האָסט אינגאַנצן מיך פאַרנומען —
בין איך פול איצט, פול מיט דיר,
כאָטש עס ליגט דער ים צעווישן
אונז, און דו ביסט ווייט פון מיר.

ווייט און נאָנט מיר — במחשבה
און אין חלום פון די נעכט —
לעב איך נאָר מיט דיר און כהיט דיך,
ווי עס היט זיין האַר — דער קנעכט.

יאָ, אַ קנעכט בין איך אין ליבן
און איך שעם זיך נישט דערמיט,
און איך בענק, נאָך יענעם ציטער —
ווען כ׳פלעג הערן דיינע טריט.

און איך בענק נאָך יענעם אומרו —
ווען איך פלעג צו דיר אריין
און באַ דיר פאַרלירן ס׳לשון,
און פאַרמאָגט איין וואָרט בלויז: מיין — —

און איך בענק איצט, בענק נאך יענער
האַלבער נאַכט, בּאַ דיר אין הויז —
ווען כ׳האָב שיכּור, נישט געטראָפֿן
צו דײַן טיר, אויף צו׳ריק אַרויס...

דיין גאָרטן-טירל

כ׳קאָן דיין גאָרטן־טירל נישט געפינען אויף אַרויס,
כ׳בין אין דער געדיכטעניש — אין שפּין־געוועב — אַ פליג,
וויפל כ׳זאל נישט זוכן, בלייב איך שטיין אלץ פאַר דיין הויז,
קום אזוי כסדר אויפן זעלבן אָרט צוריק.

ס׳נאַרט מיך יעדער בוים ביי דיר, ווי כ׳וואלט געווען אין וואַלד,
ס׳לאָקט און ס׳ציט אין שאָטן, וווּ עס שמעקט מיט גרינעם מאָך,
און מיר דאכט זיך, אז איך זע דיך אין דער טיף, צעשטראַלט,
גיי איך, ווי עס גייט דיין הונט, נאָך דיינע שפּורן נאָך...

אפשר וואלסטו מיך אליין צום טירל צובאַגלייט
און געוויזן מיר דעם וועג, וואס פירט פון דיר אַרויס?!
ס׳האט זיך ווי אין א כישוף־קרייז מיין קאָפּ ביי דיר פאַרדרייט —
דריי איך זיך כסדר אָט אזוי אַרום דיין הויז...

אַלץ וואָס דערמאָנט

אַלץ וואָס דערמאָנט מיך אָן דיר — האָב איך ליב:
אַ קלאַנג פֿון אַ שטים, אָדער פֿאַרב פֿון אַ קלייד
קען לייכט מיך גענאַרן, כ'זאָל מיינען — ס'איז דיין
און פֿילן אַ יום־טובֿדיק וואַרעמע פֿרייד...

אַלץ וואָס דערמאָנט מיך אָן דיר האָב איך ליב;
דיר — ענלעכע, רופֿן מיין בענקשאַפֿט אַרויס,
כ'האָב ליב דיינע נאָענטע, אַפֿילו דיין הונט,
וואָס לאָזט מיך אַ בייזער נישט צו צו דיין הויז...

בלייב

בלייב דו מיט מיר און לאָז מיך נישט אליין,
א מענטש קען אייביק איינזאם דאך נישט זיין!
לאָז דו דעם כוס מיינעם פאַרשעמט נישט שטיין
ווי לאַנג דער ווײַנשטאָק מיינער, גיט נאָך וויין...

בלייב דו מיט מיר, זאל זיין כאָטש פון דער ווייט,
ס'איז נאָנט דער ערד דאס ליכט פון ווייטער זון,
פארהאן אויך פאר דעם לעסטערער א צייט —
ווען ס'ווילט זיך הייס, צו ווענען תפילה־טון...

זיי דו מיט מיר, כ'זאָל קענען שיין און ריין
און רואיק, דורכגיין דעם יאַריד פון וועלט;
נישט היימלעך איז צו זען א מענטש אליין
אין מיטן פון אַ ברייט און ענדלאָז פעלד...

איינע נאָך דער אנדערער

איינע נאָך דער אנדערער פֿאַרלאָזן זיי אַזוי
דאָס לאַנד מייִנס, ווי די פֿייגל נאָכן ערשטן ווינטער־גרויס,
ווען ס׳שפּרייטן איבער זיי זיך אויס די הימלען מייִנע גרוי,
און ס׳הויבט זיך אויף דער ים פֿון אומעט, גרייט צום איבערגוס.

ס׳האָט קיינער נישט קיין כּוח צו דערגרונטעווען מיין צער,
נישט הימלעך איז צו גיין מיט מיר מיין טיפֿן שווערן גאַנג
און שווייגן, אַזוי שטיינערדיק און פֿול ווי איך דערפֿאַר,
און הערן פֿון מיין טיפֿעניש דאָס טרויעריקסטע געזאַנג.

איינע נאָך דער אנדערער פֿאַרלאָזן זיי אַזוי,
ווי פֿייגל פֿון אַ קאַלטער נעסט, דערשראָקענע — מיין הויז,
און לאָזן מיך אַליין אין אים ביים פֿענסטער, אין דער גרוי
מיט אויגן פֿייכטע, טויִקע, וואָס קוקן ווערן אויס.

נאָך דיר

ס׳איז ליידיק געוואָרן דער האָפן, ווען האסט אים פארלאזט,
א שיף נאך א שיף האט א רעווע געטאָן און אַוועק,
און ווי צו באַרואיקן האט אויף מיר וואָרעם געבלאָזט
א ווינטל א פרעמדס, אויפן ליידיק־געוואָרענעם ברעג...

די שטאָט הינטער מיר האט ווי איך אין דער ווייט דיך באַגלייט
מיט שויבן פון שקיעה צעפלאַמט, ווי די אויגן ביי מיר,
באַגלייט, און — געזען, ווי די זון א צעגליטע פאַרגייט,
פאַרגייט, און דיין שיף אין דער זון איז פארגאנגען מיט איר...

ווען ס׳האט ווי אין רויך, מיך דער אָוונט פארנעפּלט, פארבלאָט,
געהאַלזט און אין טרויער געפירט פונ׳ם האָפן צוריק,
געדאַכט האט זיך מיר, אז כ׳האב ליידיק געפונען די שטאָט,
ווי הינטערן שונא׳ס פאַרברענטער, צעריסענער בריק...

אויפגעהערט

כהאָב אויפגעהערט אין חלום דיך צו זען
און שוין פארגעסן באַלד ווי דו זעסט אויס;
דיין נאמען בלויז דערמאָנט מיך ווען־נישט־ווען
און שיילט ווי פון א נעפּל דיך אַרויס.

פארוואס, פארוואס באַווייזטו זיך שוין נישט
אין חלום כאָטש, אויב ווילסט נישט אויף דער וואָר?
כ׳האב ליב דיך, ליב אויך זען אזוי פאַרווישט,
נישט קלאָר, ווי ס׳איז דאס חלומ׳ען נישט קלאָר.

באַאומרואיקט דערפאר מיך, א געדאנק,
און כ׳טראַכט: ווער ווייסט, ווער ווייסט, וואס ס׳איז מיט דיר!
איך האב דיך ווען פאַרגליכן צו א זאנג,
וואס פאלן וועט פון שוואכסטן ווינט־באַריר.

איז — אפשר, הלואי ס׳זאל ליגן זיין — — —
און — האָסט זיך ווי מיט מיר — מיט אַלץ געשיידט,
און ס׳איז אין חלום, אויך דיין בלויע שיין
אוועק מיט דיר אין קעניגרייך פון טויט!...

דיין נאמען בלויז דערמאָנט מיך ווען־נישט־ווען;
און שיילט ווי פון א נעפל דיך ארויס;
כ'האָב אויפגעהערט אין חלום דיך צו זען
און שוין פאַרגעסן באַלד, ווי דו זעסט אויס.

דאַמאַנס

כ׳וועל זיך לאנג נישט פאַרהאַלטן באַ דיר,
האָסטו עפּעס צו פרעגן מיך — פרעג,
האָסטו עפּעס צו זאגן מיר — זאָג,
כ׳בין אַריין, וועל ארויס און אוועק.

ס׳האָט פאַרוואָלט זיך מיר זען, ווי דו לעבסט
און מיט וועמען דיך קניפּט און פאַרבינדט;
ווי באַ מיר איז? בא מיר, ווי געווען —
כ׳בין נאך אלץ, ווי א וואָלקן אין ווינט.

כ׳האב א סך פאר דער צייט שוין געליבט
און פאַרגעסן שוין אלע פון לאַנג,
דיך נאר איינע געדענק איך ביז היינט,
ווי דעם העלסטן און שנעלסטן פאַרגאַנג.

איצטער בין איך בא דיר, ווי א גאַסט,
וועלכער קומט נישט געבעטענערהייט,
און איך וואַרט זאָלסט מכבד מיך זיין
מיט געציילטע, נאָר וואַרעמע רייד.

כ׳וועל זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן בא דיר,
האסט נאך עפּעס צו פרעגן מיך, — פרעג,
האָסט נאך עפּעס צו זאָגן מיר — זאָג,
כ׳בין אריין, וועל ארויס און אוועק.

אלדין

וואָרט — מיין קינד

וואָרט — מיין קינד, ווי אָרעם דו ביסט!
כ׳האָב נישט מיט וואָס דיך צו קליידן,
מיט וואָס צו פאַרדעקן דיין גופל,
וואָס כ׳טראָג מיט ציטער אַרויס
אויף מיינע בעטנדיקע הענט,
ווען כ׳קוש דיך זינגענדיק
פאַר צער און ליבע.

וואָרט — מיין קינד.
איך פיל דיין קאַלטן ציטער
אין מיין האַרץ־וויג;
כ׳פיל דיין שווערן אָטעם
אין מיין ברוסט;
און טיף און טיפער פאַלט מיין קאָפּ
אַריבער איבער דיר,
מיט זאָרג און באַהאַלטענער שרעק
פאַר דיין זיכערן טויט...

פון טאָג צו טאָג, אַלץ אומעטיקער,
שווייגנדיקער, שטומער —
טראָג איך דיך אַ בּלאַס׳ס אַרום
און — זוך פאַר דיר אַ וואַרעם אָרט
און כ׳לייג דיך הפקר, בעטלעריש, אַוועק
אַ נאַקעט׳ס אויפן ברוק —
מיין אָרעם קינד — מיין וואָרט.

מיין ליד

פון טרויער, צער און פּיין
איז אויסגעשטאַנען ס'ליד מיינס אינדערטיף,
ווי ביטער־ווײַן —
געשטעלט
צום טיש פון דער וועלט.

לחיים! — ווער עס טרינקט מיט מיר
און זינגט מיט מיר
מיין ביטער־ליד
אַז, ס'האָט אַ מענטש אַ לעבן לאַנג
געגלויבט, פאַרהייליקט און געקניט,
און איז שוין מיד געוואָרן, מיד
פון חלומען אַ לעבן לאַנג,
און פון אַרומגיין אויפן וועלט־יאַריד —
מיט לידער פון פאַרגאַנג.

לחיים איך צום צווייטן מאָל! —
ווער ס'וויל מיט מיר אַראָפּ אין טאָל,

אין קילן טאָל פֿון מיין געמיט
ווו ס׳האָט דער אומעט זיך צעבליט
און קוקט אין שאָטן פֿון די אויגן מיינע, בלוי ארויס,
ווי העלע מאָרגן־שטערנדלעך,
וואס גייען מאַטע אויס.

מיין אייגענער שטים

...רעד איך שטענדיק פון זיך
אזוי נאָנט און אינטים
און הער קיינעם נישט אויס —
נאָר מיין אייגענער שטים...

זאָל איך רעדן פון אלץ:
פון דער שטאָט, פון טראַמוויי,
פון א זעלבסטמאָרד און מאָרד,
אָדער סתם זיך אזוי: —
פון א מלך אין קאָרט
און א מלכה דערצו,
פון א גוט גלעזל טיי,
א האַוואַנאַ ציגאר,
פון א פוקסן־געיעג
און — פון נעכטיקע טעג...

זאָל איך שווייגן פון זיך
און נישט ווערן דערמאנט,

אַז פּרעמד, אומבאַקאַנט
אויף די וועגן צו גאָט —
טראָגט א מענטש זיך ארום
מיט א בלוטיקן סוד,
וואס קוקט וווּנדיק און שטום
פון די אויגן אַרויס
און צעשרייט שטומערהייט
פון זיין בראָך, פון זיין ווי,
פון א לעבן אין טויט
ווי א פרילינג אין שניי...

רעד איך שטענדיק פון זיך
אזוי נאָנט און אינטים
און הער קיינעם נישט אויס —
נאר מיין אייגענער שטים...

מיין צער

אויב ס׳איז א גאָט פאַראַן — זאָל גיין פאַר אים מיין צער,
וואָס כ׳האָב פון אַלע און פון אַלץ, פון זיין באַשאַף;
כ׳האָב צער פון הערשאַפט און געוועלטיקונג פון האַר
און גרעסער צער פון אונטערטעניקייט פון שקלאַף.

און צער האָב איך, אַזוי פיל צער פון זיך אַליין —
ווייל, כ׳קען נישט הערשן און נישט אונטערטעניק זיין,
ווייל, כ׳האָב אויף מיין און קיינעמס קאָפּ נישט ליב די קרוין
און נישט דעם אויבן אָן, וווּ ס׳פאַלט איר ליכט און שיין.

איך וויל נאָר וואָס מיר קומט, איך מאָן זיך נאָר מיין שכר,
איך פאָדער נאָר מיין אָרט אויף אויסזינגען מיין ליד,
וואָס איז באַ מיר דאָס קינד, פון וואָס מען האָט נאָר צער —
ווייל ס׳גייט אַרום אַן אומעטיקס, מיט זייטיק, שטילע טריט.

מיין וואָגן

כ'וועל נישט דעריאָגן
אָהאָ! נישט דעריאָגן —
מיין וואָגן
מיט גאַרבן פאַרשניטענע יאָרן,
ווי זאַנגען, וואס האבן פארלוירן דעם קאָרן —
פון האָגלען און ווינטן צעשלאָגן.

כ'וועל נישט דעריאָגן,
אָהאָ! נישט דעריאָגן; —
דער שטויב האט גענומען זיך וואָלקנדיק טראָגן
אנטקעגן מיין פנים,
און כ'זע אויפן זאַמדיקן וועג נאר סימנים
פון רעדער פארקנאטן,
ווי לייביקע שניטן;

איצט שטיי איך אין מיטן
די וועגן — א שאטן,
און כ'קוק ווי מיין צייט ווערט אין מרחק צערונען,
און ס'טראגט זיך דורך גאלדענע נעפלען מיין וואגן,
וואס כ'קען נישט דעריאגן און וועל נישט דעריאגן...

לעבן מיינס

לעבן, לעבן מיינס, נישט אויסגעלעבט׳ס!
איך וועל דיין פערדל: צייט, נישט כאַפּן פאַר דער צוים,
עס איז אַוועק אַ יונג׳ס, אַן אויסגעשפּאַנט׳ס
מיט גאַווער און מיט שוים,
און ווי אַן אָדלער — זיך מיט מיר א לאָז־געטון
באַטאָג — אַנטקייגן זון,
באַנאַכט — אַנטקייגן דער לבנה
און אַנטקייגן יעדער פייער־לאַנע,
און — פאַרבייגעריטן פאַר מיין שוועל
אויף וועלכער כ׳האָב זיך יונג — צו אַלט פאַרטראַכט
און נישט באמערקט, אז זי — די שוועל, איז העל —
אַ גאָלדענע — באַטאָג,
אַ זילבערנע — באַנאַכט,
אַ שיפּעלע אַזאַ, וואָס שווימט אַרום מיט מיר
אין קרייז אַרום מיין הויז,
אין קרייז אַרום מיין טיר,
אין קרייז אַרום אַ וועלט — אין חלום אויסגעטראַכט
און נישט געהערט האָב איך, ווי ס׳לעבן האט געלאַכט,
געוואַרט, איך זאָל זיך אָפּרייסן און אויפכאַפּן פון טרוים
און זען — ווי ס׳לאָזט זיך ס׳פערדל — צייט —
נישט כאַפּן פאַר דער צוים.

ס׳זינגט זיך מיר נישט

עפּעס זינגט זיך מיר נישט לעצטנס, האָב איך אפשר אָפּגעזונגען?
ווי און ווען אויך, האָט דאָס לעצטע שוואַנען־ליד מיינס אָפּגעקלונגען?

אָפּגעזונגען — טאָ פון וואַנען נאָך אין מיר דער יוגנט־ציטער,
און דער פלאַטער, און דער אומרו פון א פויגל פאַר געוויטער.

טאָ פאַרוואָס נאָך א קאַפּריזנער, א פאַרבענקטער, א באַטריבטער
און נאָך אַלץ א בעל־חלומות, און נאָך אַלץ אַזאַ פאַרליבטער. —

זענען דאָס נאָר פייער־פונקען? בין איך אָפּגעבליט געוואָרן?
בליִען שוין נישט מיינע אויגן, ווי די בלימעלעך אין קאָרן?

עפּעס ווילט זיך מיר נישט גלויבן, אַז איך האָב שוין אָפּגעזונגען;
אפשר האָט עס בלויז א קאָסע אויף א פעלד ווו אָפּגעקלונגען?...

* * *

ס׳זינגט זיך שוין נישט ווי דער פויגל פריי,
ס׳איז דער פרילינג מיינער שוין פאַרביי,
ס׳האט מיט מיר — דאס ליד מיינס אָפּגעבליט,
קלאָגט עס אזוי הארבסטיק, באַנג און מיד,
קלאָגט זיך עס מיט יעדן טאָן און קלאַנג
אז עס הערט די טריט שוין פון פאַרגאַנג,
אז עס זעט, ווי ס׳דעמערט, שאָטנט שוין,
אז עס פילט אין וואָרט — א שווערן שטיין
און אין פערז, וואס ווערט מיר ענגער אַלץ —
נאר א שטריק, פאַרוואָרפן אויף מיין האַלדז.

בלעטערפאל

בלעטערפאַל, בלעטערפאַל,
זענען מיינע לידער היינט,
האַרבסטיק בלעטערפאַל...

יאָגן זיי זיך נאָך די גייער
טוליען זיך צו זיירע פיס,
קושען זיירע טריט
און בעטן רחמים:

— טרעט אונז נישט,
צעטרעט אונז נישט,
ווי קאַלט איז אונז, געפאַלענע!
— מיר זוכן אום די בליונגס־צייט,
די פריידיקייט פון קינדערלעך,
וואָס זאָלן אונז צונויפקלויבן
און פלעכטן אונז
פאַרפלעכטן אונז
אין שוואַרצע, בלאָנדע צעפּעלעך,

אויף גאָלד־געלאָקטע קעפּעלעך
און גיין אזוי מיט קרענצעלעך
מיט לידעלעך
און בלעטערפֿאַל...

בלעטערפֿאַל, בלעטערפֿאַל
זענען מיינע לידער היינט,
האַרבסטיק בלעטערפֿאַל...

כ׳וואָלט ווען

כ׳וואָלט וועלן שוין דערפירן ווען, דערפירן צו א ברעג
דאס שיפל מיינס, וואס בלאָנדזשעט,
ווי דאס שוואַרצאַפּל פון אויג,
און וויגט זיך, ווי דאס האַרץ מיינס
אויף די כוואַליעס פונעם אומרו
און פארלירט זיך אין די בלאָע געפּלען פונעם אין־סוף.

ס׳האט דער ווינט ארויסגעריסן מיר די רודערס פון די הענט
און — טראָגט מיך, טראָגט מיך דוקא
צו צום ברעג, ווו ס׳ליגט דער מדבר,
און ער וואַרפט מיך, וואַרפט מיך דוקא
צו די פעלזן־קני און קנאָכן,
אָדער: אין די שאָטן־אָרעמס
פון די וויינענדיקע ווערבעס.

דרייסיק

דרייסיק יאָרן... דרייסיק יאָרן...
עד, ווי ווייט שוין אָפּגעפאָרן!
וויפל וועג געלאָזט פון הינטן?
וויפל הייסע, קאַלטע ווינטן,
וויפל נעפּלען ראָזע, בלאָע,
וויפל שווערע הימלען גראָע,
וויפל וואָלקנס און געוויטער,
וויפל אויפבליץ, וויפל ציטער,
וויפל פעלזן, שטיינער, גריבער —
שוין אדורך, פאַרביי, אַריבער,
ווי סוואָלט נעכטן ערשט געוועזן —
פרילינג... בליעכץ... רייץ פון בעזן
און — צעשאָטן שוין, צעגאַנגען,
ווי די אָפּקלאַנגען פון קלאַנגען: —
דרייסיק... דרייסיק... דרייסיק יאָרן...
עד, ווי ווייט שוין אָפּגעפאָרן!

דרייסיק ליכט

האָבן יענע נאַכט ארום מיין בעט
פון זיך אַליין, זיך אָנגעצונדען דרייסיק ליכט
און דרייסיק פלעמלעך האָבן זיך צערעדט,
צערעדט זיך אינדערפינסטער וועגן מיר,
באר שטיל, אזוי בסוד, איך זאל נישט הערן
און נישט זעען זיי — צעשאָטנט — דרייסיק אויף די ווענט;
נישט זעען, ווי עס טריפן חלב׳ענע טרערן
און נישט הערן, ווי עס קנאַקט,
ווי ס׳וואָלטן זיך פאַרבראָכן דאַרע הענט
און — איינגעשלאָפן בין איך, ווען עס האבן
דרייסיק ליכט געהאט שוין אויסגעברענט...

איבער טייכן...

איבער טייכן זילבערנע
הענגען בריקן גאָלדענע,
אויפגעריסן, אינדערלופט,
ווי פון שונא׳ס בייזער האַנט.

אָט די בריקן זענען מיין —
כ׳האָב אַליין געוואָרפן זיי,
ווען מיין אויג געווען איז העל
מיטן בלוי פון חלומען.

אָט די בריקן זענען מיין —
כ׳האָב זיי דורכגעריטן ווען,
דורך, ווי אויף אַ ראָזע פערד
אין אַ יונגן פרילינגס־טאָג.

הענגען זיי איצט גאָלדענע
איבער טייכן זילבערנע,
הענגען, ווי צעפּעדעמט זייד
פון שפּעט־זומערדיק געוועב.

האַרבסטיק

גייט שטיל און אבל׳דיק אַרום דער האַרבסט שוין אין מיין סאָד
און שטראַלט אים מיטן אומעט דורך, און קלויבט אין אים און זוכט,
דאס פלויטן־טירל סקריפּעט וויינענדיק: אַ שאָד, אַ שאָד —
מען נעמט דאָך פון דיביימער שוין אַראָפּ די לעצטע פּרוכט.

פון אויפגעפראַלטן שפּייכלער שרייען פּירות נאָך דער צייט,
עס זינגט דער לעצטער זינג־פויגל זיין טיפע בענקשאַפט אויס
און קלאָגט זיך, ווי ער וואָלט געזען די ערשטע קראָ פון וויט
און ס׳צערן איין די פּרוכט, פאַרוואס מען פירט זיי נישט אַרויס.

גייט אבל׳דיק אַזוי אַרום, ביי מיר אין סאָד, דער האַרבסט,
און רינצלט, ווי די איבער־רייפע פּרוכט — די מאַטע הויט,
און טרערט מיט גאָלד און רעדט צו יעדן בוים: דו שטאַרבסט,
דו שטאַרבסט
און וויגט זיך אויפן אויפגעמאַכטן טירל פונעם פּלויט.

פייערלעכער טרויער

אויסגעזונגען שוין דעם גרינסטן פרילינג,
אויסגערויכערט שוין דעם בלויסטן חלום, —
לעב איך דורך דעם פייערלעכסטן טרויער:
האַרבסט.

זיצן טעג מיט מיר אויף שוועלן גאָלדענע
און ס׳זיצן נעכט מיט מיר אויף שוועלן זילבערנע
און רעדן אַלטע קלוגע רייד צו מיר,
פון וועלכע ס׳טריפט מיט קילן, שטאַרקן וויין;
אַז — ס׳איז דער אויפגאַנג בין־השמשות׳דיק
און אַלץ, וואָס קומט, איז נאָר אויף דורכצוגיין,
און אַלץ, וואָס גייט אַוועק, איז שיין און נאָנט פון ווייט,
און ס׳צינדט אַ ליכט זיך אָן
ווען ס׳לעשט אַ ליכט זיך אויס...

טרייסטן טעג און נעכט מיך אַט אַזוי
און ס׳פאַלן רייד, ווי בלעטער פונעם בוים
און לייגן זיך אוועק פאַר מיינע פיס
און שטאַרבן מיט אַ שטראַלנדיקן טויט.

אויסגעזונגען שוין דעם גרינסטן פרילינג,
אויסגערויכערט שוין דעם בלויסטן חלום —
לעב איך דורך דעם פייערלעכסטן טרויער:
האַרבסט.

באַ דיר און באַ מיר

באַ דיר אין לאַנד איז פרילינג איצט און דו — אַ סאָלאָוויי,
באַ מיר אין לנד איז האַרבסט שוין, האַרבסט, און האַרבסטיק
דאָס געזאַנג,
און ווי עס פרייט מיך אַלץ, וואָס יונג איז, טוט עס אויך מיר וויי.
ווי וויטאָקליך פאַר ווער ס'איז דאָס אַנען פון פאַרגאַנג...

נאָר וויפל ס'זאָל נישט טון מיר באַנג דאָס אַלץ, און זיין אַ שאָד,
און וויפל כ'זאָל נישט בענקען נאָך מיין יונג און וואָרעם ליד —
פאַר'גנב'ע איך זיך שטיל אַזוי אַריין צו דיר אין סאָד
צו זען ווי דיין בירנבוים און עפּלבוים צעבליט...

און כ'אָטעם איין די ריחות, וואָס עס שלאָגט פון זיי אַרויס
און טריפן טראָפּנוויז פון יעדן בלעטל זיס אַראָפּ,
און כ'טרינק ווי אַ פאַרחלשטער, וואָס גייט פון דורשטן אויס,
דעם פרישן, בלויען טוי, וואָס ליגט איצט אויף דיין גוטס און האָב...

און כ'הער זיך איין צו יעדן רויש, צו יעדן שאָרך און קלאַנג,
ווי כ'וואָלט צום אייגן קלאַפּן פונעם האַרץ זיך צוגעהערט,

און ס׳דאַכט זיך מיר, אז דיין געזאַנג, איז ברודער, מיין געזאַנג,
וואָס הענגט נאָך ווי אַן אָפּקלאַנג, נישט געפאַלן צו דער ערד...

באַ דיר אין לאַנד איז פרילינג איצט און דו — א סאָלאָוויי,
דו וואַרעמסט נאָך דיין אייגן וואָרט און ס׳וואָרט דיינס וואַרעמט דיך;
באַ מיר איז האַרבסט, ווו אַלץ פאַרגייט, ווו איך אליין פאַרגיי
און נעם פאַרגייענדיק, אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט — מיט זיך.

אין הינטישן עלנט

אז מען טראָגט זיך אום א לעבן מיט אן עלנט פון א הונט,
און מיט א האַרץ, וואס בלוטיקט פון צעריסן זיין אויף שטיקער —
ווערט מען מיט דער צייט א הפקר־מענטש,
א וואגאבונד
א שכור,
און מען לאזט מיט ווינט אוועק די טעג,
ווי אָפּגעפליקטע בלעטלעך פון א לוח,
און מען גייט אויף נעכט פאַרלוירן
ווייסט דער רוח
ווו, מיט וועמען —
זיך צעטרינקען ערגעץ צום פאַרטרינקען,
אז דער רוח זאל עס נעמען!
און — קאַפּויער־שווימען אין באגינען
בלאָ און מאַט דערשעפּט,
מיט אויסגעלאָשענע און מידע אויגן
ווי ביי איינעם, וועמ' מען האט אַרויסגעשלעפּט
אין מיטן טרענקען,
און ער קען נישט, ווי באַטויבט, דערמאָנען זיך, געדענקען
וואס און ווען און ווו
און האט נישט קיין שום ווילן אויסער — רו בלויז, רו.

א מענטש אליין

וואס דאַרף א מענטש, א מענטש אליין
אין גרויסער איינזאַמקייט — א שטיין
אין וועג, פאַר יענעם און פאַר זיך,
א שטייגער אָט אַזאַ, ווי איך;
וואס דאַרף אזא, ווען ס׳איז די וועלט
א היים, און ס׳הויז אים — א געצעלט,
וואס פלאַטערט נאָנט אים, פון דער ווייט,
ווי אַלץ נאָך וואס מען בענקט און ליידט —
צו מאַכן אייגן, וואס ס׳איז פרעמד;
וואס דאַרף אזא א חוץ א העמד,
א ברויט, א שטעקן אין דער האנט,
און — זיין אין ווינט נאָר איינגעשפּאַנט...

צו זיך אליין

רעד איך אָפּט צו זיך אַליין אַזוי:
— איז וואָס וועט זיין, איז וואָס וועט זיין דיין סוף?
ווי לאַנג נאָך וועסטו חלומען פון בלוי,
אוועקגעבן פון נעכט דעם שלאָף —
דער פרוי,
און זוכן זי פארליבט אין גאס, באטאָג
מיט אויגן פול מיט נעפל און מיט טוי.

רעד איך אָפּט צו זיך אליין אזוי:
— נו זאָג שוין, זאָג;
ווי לאנג נאך וועסטו זיין א הפקר־קינד,
זיך חבר'ן און לעבן מיטן ווינט?
א זעגלשיף וואס גייט אויף בלינד —
קומט אויך וואן צו צום ברעג,
און — ס'פאַלן פון דיין לעבן אָפּ די טעג,
וואס דו באַזינגסט, באַפאַרבסט,
ווי ס'פאַלן פונעם בוים די בלעטער — האַרבסט,
און טראָגן זיך אין ווינטיקן זאַווײ,

און אײדער װען און װאָס —
ליגט שנײ, ליגט שנײ
און במחשבה רוקט זיך אָן דער טויט,
װאָס פּירט דיך איבער װײַסן װאַלד און פעלד
און שטעלט זיך מיט דיר אָפּ
בײַם סוף פון װעלט,
און װײַזט דיר אָן אַ קרומען שװאַרצן פּלױט
און — גײסט אים דורך
און ס'טירל װערט פון זיך אַלײן פאַרמאַכט,
און איבער דיר פליט אָן אַ קראָ —
זי קראַקעט, קײכט און לאַכט פון דיר און לאַכט.

אין שטורעם

.1

משוגע צו ווערן, ווי ס׳וואָיעט דער ווינט
און רייסט, ווי עס וואָלטן משוגענע הינט
באַפֿאַלן און ווילן צעטראָגן דאָס הויז,
אַזש ס׳טרייבט מיך און ס׳יאָגט מיך אליין שוין ארויס,
אַרויס האלבע נאכט אויפן שטורעמס באַראָט, —
אבי נישט צו הערן אין שטוב, ווי ער דראָט
צענעמען די ווענט און — איך וויל שוין די טיר
אַן עפן־טון, — שפּאַרט זיך דער ווינט אָן, אָן איר
און לאָזט נישט אַרויסגיין, און שטויסט מיך צוריק
משוגע געוואָרן?! גיי לייג זיך און ליג,
און שלאָף אדער שלאָף נישט, ווי איך, נישט דיין זאַך, —
עס ליגט דיר דאָך איבערן קאָפּ נאָך, דער דאַך.

2

לאָזט דער ווינט מיך נישט צו רו —
ליג איך און איך הער זיך צו,
ווי אין דרויסן פאַר דער טיר
טוט זיך עפּעס הינטער מיר,
טוט זיך עפּעס האַלבע נאַכט,
ווי מען וואָלט וואָס צוגעטראַכט,
און מיט בייז פאַרגנבעט זיך
און געמיינט פאַרשטייט זיך: מיך;
הער איך, ווי ס׳וואָלט אויסגעטאַפּט
ווער די טיר און — אָנגעקלאַפּט,
פריער לייכט, דערנאָך שוין דרייסט,
אַט אַ שטויס און כ׳הער: מען רייסט,
יאָ, מען רייסט די טיר ארויס,
נאָך א זעץ און נאָך א שטויס
און — מען וועט אַריין, אַריין! —
„זאָל שוין זיין, וואס ס׳זאָל נישט זיין.“
לאָזט דער ווינט מיך נישט צו רו —
ליג איך און איך הער זיך צו.

.3

האט דער ווינט אזוי אַרומגעבּרויעט
און קאָנצערט געגעבן נישט לויט נאָטן,
נישט געשפּילט, נאר ווילד א נאַכט געסטרויעט
טעלעפאן און טעלעגראפן דראָטן.

און צעסטראָיעט — פריי־געלאזט דעם ווילן
ס׳זאל א נאַכט נישט קענען שלאָפן קיינער,
און געיאָגט, געדרייט, אז ס׳האָבן מילן
איך געקענט אויף מעל צעמאָלן — שטיינער.

ס׳האט געפייפט דער שטורעם, דער מחבל,
האט געקנאַקט, ווי ס׳וואָלטן פלאַצן מאַסטן,
האט זיך מיר געדאַכט: ס׳איז ערב מבול,
און דאס הויז מיינס, איז שוין נח׳ס קאַסטן...

כ׳שווים מיט אים און רעד צו זיך: נו טראָג שוין,
טראָג שוין וווּ דו ווילסט, נאר — טאָג זאל ווערן,
ביז— אין פענסטער, אָנגעזאָגט אויף טאג שוין, —
האט א גרינלעך, מאַטער מאָרגן־שטערן;

ביז — די זון איז מיטן טאָג געקומען
ווי אן אויסגעצוואָגענער פון רעגן,
און דער ווינט איז שטיל און איינגענומען,
ווי א קינד שוין פאר מיין שוועל געלעגן.

4

דער הוראַגאַן האט זיינס געטון,
דער שטורעם, — ער דערוויטערט זיך,
דורך טרערן שמייכלט שוין די זון,
עס וואָלקנט נאך, נאר — ס׳לייטערט זיך.

העי, רודערער! דאס שיפל גרייט!
פאַריכט עס, נעם גלייך־אויס דעם מאסט,
צעוויקל אויף דעם זעגל ברייט,
עס האט דער ים שוין אפּגעכעס׳ט.

מען קען זיך לאָזן שוין אין וועג
אזוי ווי אלעמאָל — אויף בלינד,
ווילסט וויסן וואהין, טאָ פרעג
ביים פירער אונזערן — דעם ווינט...

איך מוז אוועק און ווייטער נישט,
אוועק, ווי נאך א שווערע שלאכט,
וואס האט ווי אלץ, מיר אָפּגעווישט
ווי ס׳ווישט דעם טאָג אַראָפּ — די נאַכט.

דער הוראַגאַן האט זיינס געטון,
דער שטורעם, — ער דערוויטערט זיך,
דורך טרערן שמייכלט שוין די זון,
עס וואָלקנט נאך, נאר — ס׳לייטערט זיך.

פונדערהיים

מיין היים

מיין היים איז געווען דער קוואַל פון מיין אומעט און טרויער,
דער ברונעם, וואס האט נישט דעם דורשט מיינעם שטילן געקענט,
מיין אָפענע תפיסה, ווו כ׳האב נישט געפונען דאס טויער —
צו קענען אַרויס פון די ענגע, פאַרחושכטע ווענט.

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פינף ברידער אינאיינעם —
האט יעדער באַזונדער פאַרשלאָסן בא זיך אין דער צעל —
און אויסוועג געזוכט, און נישט רעדנדיק קיינער צו קיינעם —
א שפּאַן נישט אריבערגעגאנגען די אייגענע שוועל...

אזוי האט פאַרפרעמדט אינדערשטום יעדער אייגער געליטן
און קיינמאָל — זיך איינער צום צווייטן מיט עפּעס געווענדט;
אזוי זענען אלע געוואַקסן פאַרזעגט און פאַרשניטן,
און ס׳האָבן זיך אָפטמאָל געשלאָגן אכט קעפּ אָן אכט ווענט.

מיין משפּחה

מיין משפּחה איז, אַ וואַלד פון ביימער אַלערליי:
דער טאַטע — אַ דעמב,
די מאַמע — אַ סאָסנע,
די פעטערס זענען אָלשינעס
די מומעס — יאָדלעס,
און מיר — די קינדער —
קלאַגנדיקע ווערבעס באַ דער זייט...

איז מען פון דער נאָנט זיך פרעמד און ווייט,
ווי איין ברעג ים פון אַנדערן,
און אָנגעברוגזט אונטער הימלען האַרבסטיקע...

און שטענדיק, ווען עס טוט דער דעמב אַ קרעכץ —
צעוויגט די סאָסנע זיך,
און באַלד נאָך איר — די יאָדלעס און די אָלשינעס,
די ווערבעס טרייסלען זיך
און ציטערן פאַר שרעק,
און ס'רוישט דער וואַלד מיט ערב שטורעם
איבער אַלע קעפּ.

אונזער הויז

אונזער הויז — א טרענקענדיקע שיף,
וואס ראַנגלט זיך אין אונטערגאנג
און גייט באַלאַדן מיט דער לאַסט פון אָרעמקייט —
צו גרונט.

דער טאַטע, ווי אַן אויסגעדינטער, אלטער קאַפּיטאַן —
פאַרלוירן האָט די כוחות
און דעם רודער פון דער האַנט,
און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאל אים איבערנעמען
און די שיף דערפירן צו אַ האַפן...

שטייט די מאַמע אויף דער אויבערדעק
מיט טרענקענדיקע אויגן פון פאַרצווייפלונג,
ברעכט און שטרעקט די הענט אויס,
ווי צוויי פליגל פון אַ קראַנקן פויגל,
און זי שרייט און רופט צו גאָט אין הימל
און צו גאָט פון ים
און גאָט פון ווינט...

און האָפנונגסלאָזע, וואַרפן זיך די קינדער,
ווי געגאַרטלטע מאַטראָזן אין די כוואַליעס,
און מען האַלט זיך, ווי אויף שווימענדיקע ברעטער —
ווייט פון ברעג
און ווייטער נאָך — פון הילף
פאַר אונזער הויז — די טרענקענדיקע שיף.

מיין היים, מיין נעסט

די היים פון מיין וויגל — א נעסט א צעשטערטע,
און אלע אין איר, זענען דאַכלאָזע פייגל,
וואס פליען און זוכן א נעסט ווו צו בויען
און פאַלן אין פליען, ווי אונטערגעשאָסן...

ווי קען טאַטע־מאַמע דערוואַקסענע העלפן —
ווען ס׳זענען די הענט שוין — צעבראָכענע פליגל,
און אַלט איז מען, עלטער פון צער, ווי פון יאָרן
און גראָ איז מען, גראָער פון ווינטער־פאַרנאַכטן.

דערפאַר איז דער טאָג אזוי לאַנג פאר די קינדער
און קורץ — יעדענס נאַכט, צו פאַרשלאָפן דעם חושך...
— — — — — — — —
די היים פון מיין וויגל — א נעסט א צעשטערטע,
און אַלע אין איר, זענען דאַכלאָזע פייגל...

דערפֿאַר, ווייל...

ווייל ס׳האט נישט דער טאַטע באַצייטנס דאס פעלד זיינס צעאַקערט,
ווייל ס׳האט נישט דער טאַטע באַצייטנס דאס פעלד זיינס פֿאַרזייט, —
דערפֿאַר האבן שפּעטער די קינדער דעם ווינט נאָר געשניטן,
און שטענדיק געהאט אויך בדוחק דאס טרוקענע ברויט.

דערפֿאַר האבן שפּעטער די קינדער אויף ווינטיקע וועגן
געלאָזט זיך פֿון קיינעם געפֿירט, ווי פֿאַרלוירענע שאָף,
און האבן אזוי מיט די טריט, מיט די ערשטע אין לעבן
באַך יונגע — דערזען שוים באַם אָנהויב, דעם ראַנד פֿונעם סוף.

און איך, וואס בין קינדוויַיז פֿארשאָלטן געווען, מיטן פֿילן
ביז פֿאַרפֿילן אַלץ, וועגן וואס מען האט אויך נישט גערעדט;
בין ווערנדיק איינזאַם און שטום אין מיין היים אין מיין קאַלטער —
געוואָרן פֿון אומעט, פֿון טרויער און צער — אַ פֿאָעט.

אין מיין היים

אין מיין היים איז גארנישט היימלעך און נישט פריילעך;
ס׳גייט א ווינט ארום אין הויז, ווי אין א וואַלד,
ס׳איז דער טאַטע אן אַראָפּגעזעצטער מלך
אין דער אייגענער מלוכה, וואס צעפאַלט...

שטייט דער טראָן זיינער פון אויבן־אָן — צעבראָכן
און דער מאַמענס שטול הינקט־אונטער באַ דער זייט,
ס׳איז דאס מעבל זיך צעפאַלן און צעקראָכן
נאָכן אויסדינען געטריי די גוטע צייט...

איז א העלפט פון אלע קינדער זיך צעפאָרן,
זיך צעפלויגן, ווי די פייגל פון דער נעסט,
ווער ס׳האט פליען נישט געקענט — איז גראָ געוואָרן
פאר דער צייט, פון זיצן באַ דער גויט אויף קעסט...

אין מיין היים איז גאָרנישט היימלעך און נישט פריילעך,
ס׳האט די אָרעמקייט אין איר זיך ברייט צעלייגט,
ס׳איז דער טאַטע אן אַראָפּגעזעצטער מלך,
וועלכער האט צו קיין מלוכה נישט געטויגט...

דער טאַטע, דער חובב-ציון

האָט דער טאַטע איבער דרייסיק יאָר
ארייַנגעחלומט אין די ווייסע האָר,
א חלום וועגן לאַנד פון זיינע אבות,
און מיט ליכטיקע מחשבות
און פאַרבענקטע אויגן —
זיך געצויגן,
ווי א קינד —
אַהין, אַהין,
ווו הימלען זענען שטענדיק ריין און בלאָ
אין פאַלמעס אייביק גרין,
און אלץ איז זוניק איבער ראַנד און ברעג,
און פייגן־ביימער שפרייטן שאָטנס אויס
ווי קאָברעצן פאר וואַנדערער פון וועג;
איז — ליגט ער צוגעפאַלן אָט אזוי
אין שאָטן, אויסגעטון פון גראָער וואָך
און אויסגעשפּאַנט פון גלות־יאָך
און — קוקט,
און קוקט אויף מעשה־בראשית, ווי עס ווערט,

און — זעט, ווי אַלץ אַרום גייט־אויף און יערט
און וואַקסט און בליט
און ער — דער טאַטע, וואַקסט, וואַקסט מיט
פאַר פרייד,
און גלייכט זיך אויס און פילט
אַזאַ געפיל, וואָס האט זיך אומבאקאַנט
באַ אים אין בלוט, דאס ערשטע מאָל צעשפּילט,
ער פּילט:
דעם באָדן אונטער זיך,
א היים, אַן אייגן לאַנד,
און ער — אַן אייגענער, א שותף גלייך אויף גלייך
צום מילך און האָניק
און צו אַלץ, מיט וואס דאס לאנד איז רייך,
און ס'איז אים גוט דעם טאַטן, ווי נאָך קיינמאָל גוט,
איז — ליגט ער, ווי ער וואָלט זיך טייען נאָך א פראָסט;
עס פעכערט אים א ווינטל פון די בערג, און בלאָזט
און טראָגט אין היץ אים אונטער, ריחות, ווי פון וויין,
איז — שלאָפט ער איין
און חלומט, חלומט — איבער דרייסיק יאָר,
און וועבט אַריין דעם חלום
אין די זילבער־ווייסע האָר.

פון טאַטנס בריוו

פון טאַטנס בריוו האָב איך געזען:
סוף האַרבסט אין וואַלד פון מיין משפחה;
אויף צעצווייגטע קעפּ, ווי שפּינען־נעסטן
ליגט די גראָקייט, ווי א דינער מעל־שטויב פון א מיל,
און שיטערלעך זעט אויס דער וואַלד
כאָטש מען האָט אים נישט געהאַקט,
נאָר בלויז אויף איבערפלאַנץ —
פון דאָ און דאָרט, א בליענדיקן בוים ארויסגענומען...

קרעכצט דער טאַטע — דעמב
און בייגט זיך ווי א ווערבע
פון דער לאַסט פון צער,
און סקוואַרט די צאַרטע מאמע — סאָסנע,
הויך און דאַר אַריין אין הימל...

ליין איך ווייטער, זע איך:
ערשטער שניי־פאַל,
וואַלד איז, ווי א זילבער־נעץ צעהאָנגען

אויף די פרירנדיקע בלאָע הימל־ראַנדן,
קראָען פליען, איינע נאָך דער צווייטער
מיט געהיימער, שוואַרצער פרייד אויף פליגל,
און דער שניי, ער הערט נישט אויף צו שיטן,
שיט און שיט
און לייגט זיך מיט דער לייכטקייט
שווער, אויף מיין געמיט.

קאַפּיטל: היים

בלעטער איך ווען אויף, קאַפּיטל: היים —
רוקט אָן א וואָלקן איבער מיינע אויגן,
און איך פּיל, אַ זינקען, ווי אין ליים,
ווי ס׳וואָלט א זומפּ צום אָפּגרונט מיך געצויגן.

ס׳נעמען שאָטנס גיין פאַר מיר פאַרביי,
ווי איינס דאס צווייטע וואָלט זיך שטום באַגלייטן;
יעדנס פּנים טראָגט א וואָלקן בליי
און יעדנס הענט און פיס — דעם גורלס קייטן.

— טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער אויך —
כ׳דערקען זיי, די געבויגענע געשטאַלטן,
וועלכע ציען, ווי דורך קנוילן רויך
און זוכן, זייער נויט ווו צו באַהאַלטן.

קיינער וועט נישט אויסשטרעקן די האַנט,
וואס קאן אַליין אויף ברויט זיך נישט פאַרדינען;
האָט דערפאר א יעדנס קאָפּ א וואַנט
אויף שלאָגן זיך, באַם גיין אַראָפּ פון זינען.

האט דערפאר אַ יעדנס קאָפּ אַ בעט,
וואס העלפט זיי קרעכצן פונעם שלאָף און קלאָגן,
ווי עס וואָלט זיי יעדן אויף א ברעט —
דער ים, אויף כוואַליעס פונעם טויט געטראָגן.

נישט דערקענט

כ׳האב די היים נישט דערקענט
און נישט קיינעם אין איר,
נישט דערקענט שוין די ווענט
נישט די שוועל, נישט די טיר.

אָפּגעשינדן איז אַלץ
און פאַרשוואַרצט און פארגרויט,
ווי געוואָרגן באַם האַלדז
וואָלט דא יעדן די נויט.

גייען אַלע אַרום
ווי נשרפים אין הויז
און דער צער יעדנס, שטום
קוקט פון אויגן אַרויס;

און דערציילט ווי פאַרשעמט,
אויף אַן אָרעמער שפּראַך
אַז — דאָס לייב האט קיין העמד
און דער קאָפּ, נישט קיין דאַך;

און קיין קישן — דאָס בעט
וווּ מען ליגט און מען וואַכט
און מען חלומט פון זעט
פאַרן הונגער פון אַכט — — —

קען זיין...

קען זיין, קען זיין אַז — נאָך אין וויגל
האָט מען מיך — א פּיצלס, שוין געלערנט זיין אַליין
און פרי — מיך אויפגעהערט צו וויגן און פאַרוויגן,
און א נישט אַנטוויינטס —
געלאָזט מיך שעה'ען קייכן פון געוויין,
ביז כ'פלעג א מידס, א העשענדיקס
אָן כוחות בלייבן ליגן
איינגעשלאָפן מיטן שטומען, הייסן קינדישן באַגער,
ווען אויף די אייגעלעך די רויטע
האָט געפּערלט און געלויכטן נאָך די טרער...

קען זיין, קען זיין —
האָט קיינער נישט געזען, ווי איך — אַליין,
א קריכנדיקער קראָט אויף אלע פיר —
האָב פלוצלינג זיך א שטעל־געטון
און אָנגעהויבן פאַלנדיק צו גיין,
און ס'האָט די מאַמע מיר נישט אויסגעשטרעקט די אָרעמס,
נישט גענומען פּאַטשן מיט די הענט פאַר פרייד

און נישט צעשריגן זיך פאר גליק:
— עס גייט שוין, ס׳גייט!
און ווי ס׳איז קיינער נישט געווען באַ מיינע ערשטע טריט —
אזוי האט קיינער נישט געהערט פון מיר די ערשטע רייד;
אזוי האט קיינער נישט געהערט פון מיר דאס ערשטע ליד,
דאס ליד פון שווערגעמיט,
נאָך נישט צעבליטערהייט.

אַז כ׳האב דאס ערשטע מאָל, ווי פרעמד פאַרלאָזט די היים —
האט קיינער מיך צום וועג אַרויסבאַגלייט,
האט קיינער מיר די ברכה אויפן וועג נישט מיטגעגעבן:
שטילקייט האט פאַרמאַכט נאָך מיר די טיר,
ווען ס׳איז אַרויס די שוועסטער: איינזאַמקייט, מיט מיר;
פאַראויס געגאַנגען איז: די אומבאַקאַנטע ווייט.
פון הינטן האט מיר נאכגעקוקט באַדויער;
דער שאָטן איז געגאַנגען,
ווי א קנעכט א שווארצער באַ דער זייט,
און פעסט צום האַרץ, האָב איך געדריקט
דאס קינד מיינס: טרויער.

פונדערהיים

וי שווער ס׳איז אינדערהיים געלעגן דער סופיט אויף יעדנס קאָפּ,
ווי ענג עס האבן זיך צענויפגערוקט פאר יעדן, אויך די ווענט; —
איז יעדער אינדערהיים געוואַקסן אנשטאָט אין דער הויך — אראָפּ,
און נישט געקאנט צעצווייגן זיך, צענעמען די געליימטע הענט.

און נישט געקאנט באפרייען אויך די פרייע פּיס, פון יענע טריט,
וואס זען און הערן קאן מען נאר, ווען ס׳ליגט־ווו אין אַ שטוב, א מת;
עין אט א ליכט אזא אומהיימלעך, אויפגעגאנגען איז מיין ליד
און פרילינגס־צייט צעבליט זיך, ווי א בלאַסער אומעט־גראָער בעז.

אין אָט א ליכט אזא אומהיימלעך, האב איך עס א זינג־געטון,
א זינג־געטון און אָפּגעהאַקט, ווייל אָטעם האט מיר אויסגעפעלט
פון טרינקען און פאַרכליניען זיך פון דורשט, מיט יעדן ביסל זון,
פון רייסן זיך א פרייער, ווי געבונדן — צו דער דרויסן־וועלט.

און זאָל דערפאר קיין וואונדער זיין אַצינד, מיין נידעריקער פלי;
איך קרייז נאָך אַלץ ארום מיין היים, מיט איר סופיט אויף יעדנס קאָפּ,
און כ׳טראָג נאָך אַלץ אין זיך און אין מיין ליד א טרויעריק צעבלי
פון וויינענדיקע ווערבעס, וועלכע וואַקסן מיט די קעפּ אַראָפּ...

אינהאלט

אַריינפיר	3
ליבשאַפט	
דו און איך	7
* * *	8
דו	9
זעץ דיך איין	10
דיין הויז	11
גליק	12
אויפגעוועקט	13
מיט דיר	14
דיין גאָרטן־טירל	16
אַלץ, וואָס דערמאָנט	17
בלייב	18
איינע נאָך דער אַנדערער	19
נאָך דיר	20
אויפגעהערט	21
ראָמאַנס	23
אַליין	
וואָרט — מיין קינד	27
מייד ליד	29
מיין אייגענער שטים	31
מיין צער	33
מיין וואָגן	34
לעבן מיינס	35
ס׳זינגט זיך מיר נישט	36
* * *	37
בלעטער־פאַל	38

כוואָלס וועלן 40
דרייסיק 41
דרייסיק ליכט 42
איבער טייכן 43
האַרבסטיק 44
פייערלעכער טרויער 45
באַ דיר און באַ מיר 47
אין הינטישן עלנט 49
אַ מענטש אַליין 50
צו זיך אַליין 51
אין שטורעם 1 53
2 54
3 55
4 56
פונדערהיים
מיין היים 59
מיין משפחה 60
אונזער הויז 61
מיין היים, מיין נעסט 63
דערפאַר, ווייל 64
אין מיין היים 65
דער טאַטע, דער חובב־ציון 66
פון טאַטנ׳ס בריוו 68
קאַפּיטל: היים 70
נישט דערקענט 72
קען זיין... 74
פונדערהיים 76